דעם 17טן מאי, 1952

טײערער חבר ר. זאלצמאן-פארזיצער פון קעמפ-קאמיטעט:

איך רעזיגניר פון קעמפ-קאמיטעט און פון מײן אמט אלס קעמפ-דירעקטאר. ווי איר ווײסט האב איך באלד פון אנהויב אן פרינציפיעל ניט אײנגעשטימט מיט א גאנצע רײע אײנשטעלונגען פארן קעמפ און דאס אויסבעדריקט בײ פיל געלעגנהײטן. דער קעמפ איז מיר אבער זײער טײער האב איך געדענקט אז אפשר וועט זיך דאך אײנשטעלן און איך וועל קענען מאכן מײן בײטראג אויך דעם זומער.

איך האב גלײך פון אנפאנג און האב אויך איצט שלעכטע דערפארונגען מיט די צװײ חברים וואס זײנען באשטימט געווארן צו פירן דעם קעמפ - פון דער ערשטער מינוט אן האט מען מיך גאר געפרואווט אויסצומאנעוורירן. די מענטשן נעמען ניט ערנסט קײן באשלוסן פון קעמפ-קאמיטעט. איך גלויב ניט אז זי זײנען געטרײ צו די טראדיציעס פון קעמפ. זײ זײנען ניט אויפריכטיק און זײנען ניט גרײט לערנען. דיסקוסירן העלפט ניט, ווײל מען האט באשטימטע, אפגעמאכטע געדאנקען.

פארלירנדיק דעם צוטרוי צו די מענטשן קען איך ווי איר פארשטײט ניט מיטארבעטן מיט זײ . איך גלויב ניט אז זײ מײנען בויען דעם קעמפ-ווי דעם קעמפ וואס שטארקט די פראגרעסיווע ײדישע קולטור טראדיציעס פאר אונדזערע קינדער.

איך האף אז איר וועט געפינען א וועג ווי צו לאזן וויסן אז איך בין מער ניט פארבונדן מיט דער פירערשאפט פון קעמפ.

אײער